**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/17/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פייערט היסטארישע עפענונג פון 100'סטע פיזישע ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס געשעפט

***110 ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס ריטעיל געשעפטן שוין אפן און אין ביזנעס אין ניו יארק סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט איז אנגעקומען צו א באדייטנדע דערגרייכונג ביים פארגרעסערן די לעגאלע קאנאביס אינדוסטריע מיט די פייערליכע עפענונג פון די 100'סטע באדינגטע ערוואקסענע-באנוץ ריטעיל געשעפט **מיט א פיזישע לאקאציע**, Big Gas, וואס געפונט זיך אין ניו פּאַלץ, ניו יארק. די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג ( Office of Cannabis Management) האט זיך אנגעשלאסן מיט די אייגנטימער פון Big Gas, קארים העינעסווארט און זיימיע לואיס פאר די פייערליכע עפענונג פון די געשעפט פאר עפענטליכע ביזנעס.

"ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו מאכן פארשריט מיטן אויפשטעלן א זיכערע און לעגאלע קאנאביס אינדוסטריע פאר ביזנעס אייגנטימער, פארמער און איינוואוינער אריבער די סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער היינטיגער טאג באצייכנט א באדייטנדע דערגרייכונג ביים אוועקשטעלן א בליהענדע און גערעכטע אינדוסטריע אין אונזער סטעיט, מיט די 100'סטע פיזישע געשעפט זיך עפענענדיג."

ניו יארק האט יעצט 110 ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס ריטעיל געשעפטן (אריינרעכענענדיג סיי פיזישע געשעפטן און סיי צייטווייליגע נאר-פאר-דעליווערי [temporary delivery-only, TDO] לאקאציעס) וואס זענען אפן און אין ביזנעס אריבער די סטעיט, מיט נאך ערווארטעט זיך צו עפענען בקרוב. די ריטעיל געשעפטן זענען א פארשידנארטיגע געמיש פון 'באדינגטע ערוואקסענע-באנוץ ריטעיל געשעפט' (Conditional Adult-Use Retail Dispensary, CAURD) לייסענס האלטער מיט פיזישע געשעפטן, CAURD לייסענסירטע וואס שטעלן צו דעליווערי סערוויסעס און ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס געשעפטן וואס געפונען זיך צוזאמען מיט עקזיסטירנדע מעדיצין געשעפטן. די וואוקס פון די קאנאביס אינדוסטריע אין ניו יארק ווערט אפגעשפיגלט אין די שנעל-וואקסנדע ריטעיל געשעפט ציפערן, מיט א סך הכל ווערט אין פארקויפטע פראדוקטן איבערשטייגנדיג 237 מיליאן דאלאר. מערקווירדיג, זענען 77 מיליאן דאלאר פון די געשעפטן געמאכט געווארן אין די ערשטע צוויי א האלב חודשים פון 2024, אנדייטנדיג אויף א בליהענדע מארקעט.

אין די ערשטע יאר פון ביזנעס האט די סטעיט איבערגעשטיגן די 'גרעזלשאפטליכע און עקאנאמישע גערעכטיגקייט' (Social and Economic Equity, SEE) ציהל וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן אין דעם קאנאביס געזעץ, מיטן שענקען 60 פראצענט פון לייסענסעס פאר אפליקאנטן וואס האבן דין קדימה צוליב גרעזלשאפטליכע און עקאנאמישע גערעכטיגקייט. ארויס פון די גרופע זענען 40 פראצענט ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און 40 פראצענט זענען ביזנעסער אין אייגנום פון פרויען.

די סטעיט האט אויך כמעט געטאפלט די פראצענט פון געשעפטן וואס רוב אייגנטימער זענען פון מינאריטעטן אריבער דאס לאנד. שטייענדיג אין אפריל 2024, זענען 37 פראצענט פון ניו יארק'ס ערוואקסענע-באנוץ געשעפטן מיט א רוב פון מינאריטעט אייגנטימער; אריבער דאס לאנד האבן נאר 19 פראצענט א רוב פון מינאריטעט אייגנטימער. ענליכערהייט, זענען 11 פראצענט פון ניו יארק'ס ערוואקסענע-באנוץ געשעפטן געהאט א רוב פון טונקל-הויטיגע אייגנטימער, אין די צייט וואס אריבער דאס לאנד איז עס 2 פראצענט. אומגעפער 50 פראצענט פון ניו יארק'ס אפענע געשעפטן זענען ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און/אדער פרויען, אונטערשטרייכנדיג די סטעיט'ס פארפליכטונג צו אריינגנמען יעדן און צו צוגענגליכקייט.

**אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג עקזעקיוטיוו דירעקטאר, קריס אלעקסאנדער, האט געזאגט,** "מיר זענען גאר שטאלץ מיט אונזערע לייסענסירטע אריבער ניו יארק סטעיט וועלכע האבן פלייסיג געארבעט צו אריבערגיין די דערגרייכונג. די היינטיגע פייערונג ביי Big Gas באלאנגט נישט נאר פאר די מאנשאפט וואס האט היינט געעפנט זייערע טירן פאר ביזנעס פאר קליענטן וואס האבן קוים געקענטווארטן, נאר פאר יעדע איינציגסטע לייסענסירטע וואס בויט אויף די מארקעט פון א קערנדל צו א פארקויפטע פראדוקט. עס הילכט אפ אונזער פארפליכטונג צו אונטעריאגן וואוקס, פלעגן פארשידנארטיגקייט און קעמפן פאר גערעכטיגקייט אינערהאלב די קאנאביס סעקטאר. די דערגרייכונג פארקערפערט אונזערע מידלאזע אונטערנעמונגען צו פונדאסניי אויספארעמען די לאנדשאפט פון די אינדוסטריע, און עס שטרייכט אונטער אונזער אנטשלאסנקייט צו אויסציהען די גרעניצן פון פארשריט. געשטיצט דורך די ניו יארק קאנאביס געזעלשאפטליכע גלייכקייט אינוועסטירונג קאסע ( Cannabis Social Equity Investment Fund), זענען מיר שטאלץ מיט אונזער פארשריט און צוזאג צו ווייטער גיין אין אונזער אונטערנעמונג צו ארבעטן צו אריינגעמען יעדן און צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס קאנאביס מארקעט."

**ווילעדזש אָוו ניו פּאַלץ מעיאר טים ראדזשערס האט געזאגט,** "עס דערפריידט אונז צו זיין א קאמיוניטי צו אריינגעמען NYS'ס באדינגטע ערוואקסענע באנוץ ריטעיל געשעפטן פראגראם. די איניציאטיוו האט ערלויבט פאר די סטעיט צו 1) אינוועסטירן אין א פריוואטע קאסע צו שטיצן מענטשן וואס זענען באטראפן געווארן דורך די אומגערעכטע אינפארסירונג פון קאנאביס געזעץ און 2) היטן אויף פובליק זיכערהייט מיט NYS-פראדוצירטע, רעגולירטע און אויספרובירטע קאנאביס."

**Big Gas אייגנטימער, זיימיע לואיס און קארים העינעסווארט, האבן געזאגט,** "Big Gas איז שטאלץ צו זיין די ערשטע לייסענסירטע קאנאביס געשעפט אין די סיטי אָוו ניו פּאַלץ. מיר זענען דא מיט די שטיצע פון די ניו יארק סטעיט קאנאביס אינוועסטירונג קאסע וואס האט אונז געפירט צו די געוואלדיגע לאקאציע. דאס שטייגט איבער אונזערע ווילדסטע חלומות."

**לאוועטא וויליס, אלגעמיינע פרינסיפעל אין Social Equity Impact Ventures LLC, די קאסע'ס אלגעמיינע שותף, האט געזאגט,** "מיר זענען גאר שטאלץ מיטן קענען שטיצן מענטשן וואס זענען אפעקטירט געווארן דורך אומגערעכטע אינפארסירונג פון קאנאביס געזעצן און זיי העלפן בליהען אין די אויפשטייגנדע אינדוסטריע. צוטריט גיבט א גלייכע געלעגנהייט פאר יעדן. מיר זענען באגייסטערט ביז גאר פאר זיימיע לואיס און קארים העינעסווארט, און מיר וואונטשן זיי אסאך הצלחה. מיר דרוקן אויס אונזערע הערצליכע הכרת הטוב פאר גאווערנער האקול פארן שטיין און שפיץ פונעם וועג און אויספלאסטער די וועג צו א געזעלשאפטליך-גערעכטע סעקטאר וואס שטופט פאר די אריינגעמונג פון יעדן און פאר גלייכע געלעגנהייטן פאר יעדן."

אין די שותפות'דיגע אייגנטום פון צווי ערפארענע ביזנעסלייט, זיימיע לואיס און קארים העינעסווארט — האט די לאקאציע זיך לעצטנס אריבערגעטוישט פון זיין א צייטווייליגע נאר-פאר-דעליווערי ( Temporary Delivery-Only, TDO) פלאץ צו א פיזישע געשעפט כדי צו בעסער באדינען לאקאלע ניו יארקער וואס זוכן צו קויפן לעגאלע, געטעסטע און זיכערערע קאנאביס פראדוקטן. העינעסווארט איז א מענטש וואס

איז געווען פארפלאנטערט מיט די יוסטיץ סיסטעם, און די געשעפט ווערט געשטיצט דורך די ניו יארק קאנאביס געזעלשאפטליכע גלייכקייט אינוועסטירונג קאסע. נאכפאלגנדיג די פרעסע קאנפערענץ האט Big Gas געעפנט אירע טירן פאר ביזנעס פאר די פובליקום, אפפערנדיג א פארשידנארטיגע רייע פון ניו יארק סטעיט-געוואקסענע און פראצעסירטע קאנאביס פראדוקטן פאר ערוואקסענע קונדן. ביי די געשעעניש האבן זיך באטייליגט קאמיוניטי פירער און פארמישטע קערפערשאפטן וועלכע זענען זיך צוזאמגעקומען צו שטיצן די היסטארישע צוגאב צו ניו יארק'ס אויפשטייגנדע קאנאביס סעקטאר.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן